די קאפירן, איז די ערשטע זאך וואס טוט דער חזן? ער זאגט קדיש. איך מיין אז ס'האט צו טון מיט דעם אז מ'טאר נישט זיין פסיעה רוסי אצל עם קדוש, אז ער שטייט אינמיטן אבער ער שטרעקט זיך נישט ארויס, ער איז נישט העכער יעדן איינעם'ס קאפ. ביי די בעל קורא יא, איז ער יורד. דער בעל קורא גייט מען ארויף, יא, כדי שישמעו הקורא בתורה.

אקעי, בקיצור, די ערשטע זאך וויאזוי הייבט זיך אן תפילת הציבור?

**קדיש – דער ערשטער דבר שבקדושה**

**ומתחיל ואומר קדיש.** ער הייבט אן די דאווענען מיט זאגן קדיש. די רבים די ערשטע מאל וואס זיי זאגן די זאך איז קדיש. מ'האט עס נישט געזען אין די פריערדיגע פרקים. און מסתמא אין די סידור זאגט ער וואס קדיש איז: **וכל העונים אמן יהא שמיה רבא מבורך בכל כחם.** זיי דארפן זאגן אמן, זיי זאלן זאגן יהא שמיה רבא מבורך, דער אייבערשטער'ס נאמען זאל זיין מבורך, מיט דעם הייבט מען אן.

**דיסקוסיע: וואס מיינט "בכל כחם"?**

די בכל כחם, איך מיין אז ס'איז נישט דא פויער, ס'איז נישט אזוי ווי מ'זאגט. ס'איז דא דריי לעוועלס, לאמיר זאגן אזוי, ס'איז דא דריי לעוועלס. ס'איז דא "ולא חשש שמואל", ס'איז דא וואס די תפילת הרבים איז בקול רם, און ס'איז דא בכל כחם, וואס איז א שרייערונג. בכל כחם מיינט מ'שרייט, אזוי ווי אן ערליכער איד זאגט אמן יהא שמיה רבא. אזוי ווי מ'טוט נישט היינט. ס'איז טאקע דא וואס זאגן אזוי, איך האב געזען דא בפירוש אין די עץ יוסף.

"בכל כחם" מיינט מ'שרייט "אמן יהא", ווילד. ער זאגט אז ס'מיינט נישט יענץ, יענץ איז איין פשט, אבער ס'מיינט פשט, ס'מיינט נישט אלע כוחות. ס'איז דא אויף וועם זיך צו פארלאזן, ר' יצחק זאגט אז ס'מיינט מיט א פרישקייט. מ'זאל שרייען העכער, אבער נישט אויסנוצן אלע זיינע כוחות, נישט ליטעראלי, אז יעדער איינער טרייט יעדן איינעם איבערצושרייען און ענדליך איז עס א משוגעים הויז. ס'דארף זיין עפעס א געוויסע, מ'זאל עס זאגן שיין און מסודר'דיג, אבער בכל כחם מיינט מיט אן ענערדזשי, מיט א פרישקייט. ווייל ס'איז א קריזיס, ס'איז א קריג, און דער עולם ענטפערט. נישט דער בעל תפילה זאגט און מען ווארט נאך א מאמענט און מען מורמל'ט. דער עולם נעמט איבער, מען שרייט אריין "אמן יהא שמיה רבא", ס'איז אן אנדערע מקום פאר אן אמן יהא שמיה רבא.

א קווייער, דאס איז אן אנדערע זאך. יא, ווען דער קווייער זינגט הויך אריין, איז דאך אודאי אזוי. אבער דא רעדט מען פון אן עולם.

אזוי ווי די טוענים האבן געזאגט, מען פארטוישט די מפרשים, מען פארטוישט די אלע כוחות. קודם האט געשריגן דער טוען רבני, ער האט געשריגן און אריינגעשריגן אין דיין אויער נעכטן אויף דאווענען. אבער ס'איז נישט קיין טענות פאר טוען רבני, ס'איז אן אנדערע דרך. ס'איז נישט דער פשוט'ער פשט.

**ברכו – דער אנהייב פון ברכות קריאת שמע**

**אחר כך עומד**, נאך אמן יהא שמיה רבא, נאך קדיש, זאגט מען "ברכו את ה' המבורך"? יא. דער רמב"ם האט דאך נישט געזאגט פסוקי דזמרה. ער האט פריער געזאגט פסוקי דזמרה. ער רעכנט אויס די סדר התפילה פון דער שליח ציבור, זאגט ער די אנדערע ווערטער. ער זאגט נישט אז דער ציבור הייבט זיך אן פון ברכות קריאת שמע. ס'איז נישטא אזא זאך פסוקי דזמרה בציבור, זאגט דער רמב"ם. אונז האבן מיר דעם קדיש וואס מיר לייגן צו פריער. אונז טוען אנדערש. אבער דער רמב"ם אין הלכה, אזוי ווי דער דת שלמה, דער בעל תפילה, דער וואס איז געווען דער שליח ציבור, ער האט געזאגט "ברכו". דער עיקר שליח ציבור הייבט זיך אן פון ברכו. אונז טוען נישט אזוי, אונז זאגן אונזער בעל שחרית איז דער שליח ציבור. אבער אונז פירן זיך נישט אזוי.

פסוקי דזמרה האט נישט קיין דין שליח ציבור. פסוקי דזמרה איז אן עסק פון יחיד. דאס איז נישט קיין מושג וואס מען זאגט בציבור. אבער ער וויל זאגן בציבור, זאל ער זאגן. אונז האבן מיר א מנהג צו זאגן "השם לעולם ימלוך" פסוק בפסוק. אבער באופן כללי זאגט מען נישט קיין פסוק בפסוק, ס'איז נאר דא די ענדיגונגען. נישט קיין פורס על שמע, נישט קיין "יודע לפני ה' תיבה בתיבה". דאס איז די הלכה פון דער רמב"ם. אונזער מנהג איז לכאורה אזוי.

**ברכות קריאת שמע בקול רם**

**אחר כך עומד** דער בעל תפילה, דער שליח ציבור, זאגט "ברכו את ה' המבורך". דא איז אויך אזא קווייער, "בענטשט", און דער עולם זאגט צוריק "בענטשט", "ברוך ה' המבורך לעולם ועד".

און ער הייבט אן, ער זאגט קריאת שמע, יעדער איינער איז שטיל, **הוא פותח ומתפלל על שמע**. דאס מיינט ער מאכט די ברכות ביז קריאת שמע זאגט דער שליח ציבור הויך, **בקול רם, היינו שהוא אומר אחר כל ברכה וברכה**. נו גוט, ער זאגט "יוצר המאורות", זאגט דער עולם "אמן". **ביחיד**, נישט אזוי? ער וואלט אריינגעקומען צו זאגן אז קריאת שמע זאגט יא יעדער איינער, אבער ער זאגט אונז דאס נישט. ער זאגט יא, ער זאגט "ביחיד לפתוח ולקרוא", צו ליינען אליין קריאת שמע. דער וואס ער קען, זאל ער מאכן די ברכה. ניין, מאכן די שמע איז "קורא עמו". איז "קורא". ווייסטו נישט, איז יוצא טאקע נישט. **עד ברוך גאל ישראל**. עד "ברוך גאל ישראל" גייט צוריק ארויף אויף "פותח על שמע". אז ווען דער וואס קען נישט הערן אלעס די גאנצע פון יוצר אור ביז גאל ישראל, די ברכה. יא, דער וואס קען נישט, יא, ער זאגט מיט שטילערהייט.

מ'דארף וויסן, דער עולם פירט זיך נישט, איך מיין דער עולם ווייסט עס שוין, אבער עס איז דאך א דין, א גמרא איז דא, אונז אלע ווייסן אפשר די ברכות קריאת שמע, און מ'זאגט מיט, אבער מ'דארף הערן פון די חזן די גאנצע זאך. דער חזן דארף קענען זאגן הויך די גאנצע ברכות קריאת שמע.

**סדר התפילה בציבור — תפילת לחש און חזרת הש"ץ**

איך טריי ווען איך דאווען פאר'ן עמוד צו זאגן הויך די גאנצע ברכות קריאת שמע. **"והקהל עומדין מיד ומתפללין בלחש"**. דעמאלט שטעלט מען זיך אויף צו שטילע תפילת העמידה. נו, גוט. ווער דאווענט בלחש? דער וואס קען שמונה עשרה. נישט יעדער, ווער ס'קען. **"ומי שאינו יודע להתפלל עומד שותק"**. ער שטייט נעבעך ווי א קלאץ דארטן און ער שווייגט. פון דעם האט יעדער איינער אנגעהויבן מיט דאווענען. **"עד שיתפלל שליח ציבור בלחש עם שאר העם"**. ביז דער בעל תפילה דאווענט בלחש מיט שאר העם. יא, דער בעל תפילה דאווענט אויך בלחש. זיי זאגן ווי עס שטייט אין די גמרא, כדי ער זאל געדענקען די דאווענען, ער זאל נאך א לעצטע חזרה.

זייער גוט. **"וכל שיגמור תפילתו ביחיד"**, ווען ער ענדיגט, ענדיגט, **"יפסע שלש פסיעות לאחוריו"**. יא, **"ויעמוד במקום שפגעו רגליו בשפתיו"**. ער זאל זיך אוועקשטעלן ביי דעם פלאץ וואו ער האט אויסגעטרעטן, **"במקום שפגעו רגליו בשפתיו"**. ער זאל נישט גלייך אוועקגיין דערפון, מ'דארף שטיין דארט אביסל. דער רמב"ם זאגט נישט ביז ווען מ'זאל שטיין. אין שולחן ערוך שטייט ביז מגן אבות. אבער דער רמב"ם זאגט אז ביי שפעטער אין הלכה ד' איז א משמע... אה, דער רמב"ם זאגט אז ביי שפעטער אין הלכה ד' איז א משמע... אז ער גייט צוריק ביי קדושה. אקעי.

**ווען הייבט דער ש"ץ אן חזרת הש"ץ?**

**"ואחר שיסיים הש"ץ שלש פסיעות לאחוריו"**, אז נאכדעם וואס דער בעל תפילה האט אויסגעטרעטן, **"מתחיל ומתפלל בקול רם מתחילת הברכות"**, ער שטעלט זיך אוועק, ער זאגט נישט ווי ער איז, דער בעל תפילה וואקט אויך צוריק. ער זאגט נישט ווי ער וואקט צוריק. **"מתחיל ומתפלל בקול רם מתחילת הברכות להוציא את מי שלא התפלל"**.

ווי יאמר, דאס מיינט אפשר ער טייטשט עס צוריק צו וועגס. אבער דא זעט אויך אויס אז דער בעל תפילה קוקט נישט צו ס'איז שוין דא גענוג מענטשן וואס האבן געענדיגט. וויל די מענטשן וואס קענען נישט, ווארטן דאך אויף אים. ניין, ס'שטייט זייער קלאר, **"ואחר שיסיים"**, ער קוקט נישט אויף דער רב. היינט איז דא אריינגעפירט אז דער רב איז דער וואס דאווענט געווענליך לענגער, אבער דער בעל תפילה שטעלט זיך ווען דער רוב עולם האט שוין געענדיגט שמונה עשרה. דאס איז א פראקטישע זאך, דאס שטייט נישט דא.

ניין, ער זאגט, דא פעלט עס נישט אויס, וויל ס'איז נאך דא מענטשן וואס ווארטן אויף אים, און זיי ווארטן שוין נעבעך. ס'זעט נישט אויס ווי ער רופט זייער, און ס'זעט נישט אויס ווי ס'זאל זיין א ציבור. דאס איז נישט דער נושא. ער הייבט אן... ס'איז משפיל, אזוי זאגט ער, ס'איז משפיל פונעם רמב"ם טאקע אז ער שטייט, ער גייט נישט צוריק, ער בלייבט דארט ווי ער איז געשטאנען ווען ער הייבט אן די תפילת שמונה עשרה. אונז פירן זיך אז מ'גייט צוריק. אקעי.

**דער ציבור ביי חזרת הש"ץ**

און וואס טוט מען? מתחיל, ער הייבט אן... **"והקהל עומדים ושומעים ועונים אמן אחר כל ברכה וברכה"**. אלע הערן. מתחיל, ער הייבט אן די תפילה, די קול רם, יא. כדי צו מוציא זיין די וואס האבן נאך נישט געדאווענט. און אלע הערן, אויך די וואס האבן שוין געדאווענט הערן, **"שומעים ועונים אמן אחר כל ברכה וברכה"**. די וואס האבן נאך נישט אליין געהערט, זיי זענען יעצט יוצא. און די וואס זענען שוין יא יוצא, דארפן זיי נישט שטיין נאכאמאל און זאגן אמן, ס'איז דאך אן ענין פון כבוד אזוי.

אקעי, ס'איז דאך א תפילה בציבור. איך האב דאך געזאגט אז ס'איז א תפילת הציבור. ער איז נישט יוצא, ער דארף אויך מאכן תפילת היחיד, אבער ער דארף דאך אויך א תפילת הציבור.

**קדושה — צוריקגיין צום פלאץ**

נאכדעם, נאך א זאך וואס מ'טוט ביי חזרת הש"ץ, ביי די... **"אומר קדושה בברכה שלישית"**, ביי די דריטע ברכה איז דא די סדר הקדושה וואס מיר זאגן "נקדישך" אדער "נקדש". **"וכיוון שיגיע ש"ץ לקדושה, יש רשות לכל אחד ואחד לחזור למקום שעמד בו בתפילה"**.

וואס איז די ענין? זיי אופן כבוד פאר די בעל תפילה, אבער מען שטייט נישט אויף די געהעריגע פלאץ. ניין, וויאזוי די רמ"א האט געזאגט, **"יחזור למקומו שרגיל בו"**.

**פארוואס דארף מען ווארטן נאך תפילה?**

ער ברענגט אז ס'איז פשוט אז מען לויפט נישט אוועק, מען לויפט נישט גלייך אוועק. די גמרא זאגט אז מען האט פריער ארופגעווארפן די עבירות ביי "סלח לנו". יא, ס'איז א גמרא. די גמרא זאגט אז מען האט פריער דזשאסט ארופגעווארפן די עבירות, "סלח לנו" האט מען ארופגעווארפן די עבירות. לעבן ווי מ'דאווענט, לעבן ווי מ'שטייט, און יעצט גייט מען שוין אוועק. ניין, איך האב עס געזען ערגעץ, איך ווייס נישט וואו.

די פשוט'ע פשט איז אז מען לויפט נישט גלייך אוועק פון דאווענען. אזוי ווי מיר האבן געזען פריער, מען גייט נישט קיין פסיעה גסה, מ'איז יעצט אויסגעטרעטן. ער ברענגט, יא, ער ברענגט אזוי, **"ככלב שב על קיאו"**. אבער ס'איז נישט פשט אז ער האט דאך געווארפן די עבירות. די ווארט איז, ער האט יעצט געווארפן זיינע עבירות, ער בעט דעם אייבערשטן וואס ער דארף, און ער לויפט אוועק. עקזעקטלי, אזוי ווי א קינד קומט צו זיין טאטע, ער קומט, "טאטע, וואס מאכסטו? גיב מיר געלט," און ער לויפט. עקזעקטלי, מען דארף אביסל שטיין דארט, ס'איז א בעיסיק זאך. אזוי ווי איינער...

און וועגן דעם זאגט ער אז ער האט דזשאסט ארופגעווארפן די עבירות, נישט וועגן די מקום איז יעצט א מקום קדוש. ס'קומט אויס אזוי ווי **"ככלב שב על קיאו"**. ער זאגט, דו זאלסט נישט יעצט אנטלויפן און גיין שוין ווייטער טון וואס דו ווילסט, און מארגן ועסטו נאכאמאל איבערבעטן כפרה אויף דיינע עבירות. דו קענסט גארנישט אנהייבן. דו זאלסט שטיין אביסל. ביז דו גייסט טון עבירות, זאלסטו מאכן א קליינע הפסק פון די עבירות. דו זאגסט, "זיי מוחל אויף די עבירות," און דו לויפסט צוריק צו די עבירות. לויף נישט גלייך צוריק, זיי רואיג.

**דיסקוסיע: ווי לאנג איז דער שיעור פון ווארטן?**

איז ווי לאנג? די שיעור, ווי לאנג איז בערך?

אה, ס'איז נישט פשט אז מען דארף כסדר עפעס א מעלה פון קדושה. ס'איז סתם אז דאס איז א שיעור, צוויי, דריי ברכות. אקעי, האסטו שוין גענוג,

קענסטו שוין צוריקגיין. דאס איז נישט א מחייב. דער רמ"א זאגט דאך **"רשות"**, ס'איז נישט קיין מחייב צוריקצוגיין, ער קען טון וואס ער וויל.

ס'קען זיין, דאס טראכט איך, אז אויב איינער דאווענט שנעל און דער עולם דאווענט צוואנציק מינוט שפעטער, איך ווייס נישט וואס, דארף ער נישט שטיין צוואנציק מינוט ווייל ס'איז קדושה. ס'איז אן ענין פון צייט בעיקר, צוויי מינוט. ווי לאנג וואלסטו גענומען א נארמאלע בית המדרש'דיגע חזרה? נישט אז... דו האסט מענטשן וואס זענען מקפיד אויף די הלכה, און ער בלייבט שטיין דארט פאר א האלבע שעה ווייל דער עולם... ניין, איך מיין, ס'קען זיין אז די ענין האט עפעס צו טון מיט די קדושה פון ברכה שלישית.

ס'קען זיין אז אונז ווילן אז ביי קדושה זאל נאך זיין מענטשן ארום די בעל תפילה. און מ'האט געענדיגט דאווענען, און מ'האט זיך געגרייט אוועקצוגיין, אבער מ'האט געווארט אז ס'זאל זיין צען ביי קדושה. מ'האט געענדיגט "אשרי", און מ'האט זיך געגרייט אוועקצוגיין. ס'איז געווען א גרויסע היכל, יעדער איז געשטאנען אין א ווינקל און געדאווענט. מ'איז זיך אלע צוזאמגעקומען צו ענדיגן די תפילה. אויב מ'האלט שוין אינמיטן תפילה, איז מען זיך נישט אויסגעדרייט. מ'איז צוריקגעגאנגען ווי געווען.

**מודים דרבנן**

דער רבי האט געזאגט, **"כשהגיע שליח ציבור למודים"**, ווען דער שליח ציבור קומט אן צו מודים, ביי קריעה, ער בייגט זיך, אזויווי די רבנים האבן פריער געזאגט, "שפל רום שוכן מעט", ווען דער בעל תפילה בייגט זיך שטארק, איז זיך דער עולם גיבט זיך נאר א קליינע בייג. **"ולא ישחו יותר מדאי"**, פארוואס? ס'זאל זיין קלאר אז ס'איז נישט זייער דאווענען.

**נוסח מודים דרבנן**

און מ'זאגט אזוי: **"מודים אנחנו לך"**, מיר דאנקען דיר, אייבערשטער. און דא רעדט מען אביסל וועגן דעם אייבערשטן. דער אייבערשטער וואס איז **"אלקינו ואלקי אבותינו"**, **"יוצרנו"**, דער אייבערשטער וואס איז **"יוצר בראשית"**, ער האט באשאפן די בראשית. מ'האט פריער געזאגט "יוצר אור ובורא חושך", מ'האט גערעדט וועגן מעשה בראשית. און מ'זאגט **"ברכות והודאות לשמך הגדול והקדוש"**, וואס דאס איז ענליך צו דעם וואס דער בעל תפילה זאגט "מודים אנחנו לך". **"על שהחייתנו וקיימתנו"**, וואס דו האסט געהאלטן אידן ביים לעבן, **"כן תחיינו ותקיימנו"**, אזוי זאלסטו ווייטער האלטן אידן ביים לעבן, ביז די גאולה, **"ותאסוף גליותינו לחצרות קדשך לשמור חוקיך ולעבדך באמת ולעשות רצונך בלבב שלם"**.

און אונז דאנקען דיר, באשעפער, **"על שאנו מודים לך"**. דער מורה זאגט אז אלעס איז די עיקר **"על שאנו מודים לך"**. ניין, ס'איז צוויי אנדערע נוסחאות, אנדערע ווערטער. ס'איז דא די עיקר בקיצור, ס'זאגט **"מודים אנחנו לך על שאנו מודים לך"**. און ס'איז דא די נוסח וואס מ'זאגט, אבער אלע האבן אויך די **"על שאנו מודים לך"**. די עיקר דרוקערייען, די זיכרון אהרן סידורים, האבן די נוסח וואס מ'זאגט, און נאכדעם **"על שאנו מודים לך"**. און מ'קען מאכן די נוסח לענגער, אבער ס'בלייבט נאך אלץ די מעין זאך.

**דיסקוסיע: וואס מיינט "על שאנו מודים לך"?**

**"על שאנו מודים לך"** גייט צוריק אויף **"מודים אנחנו לך"**. איך וואלט געוואלט זאגן אז דאס איז איין פשט: מיר דאנקען דיר אויף דעם וואס מיר קענען דיר דאנקען. אבער רבינו מנוח האב איך געזען טייטשט אזוי: אונז דאנקען דיר אויף די אלע גוטע זאכן, און נאכדעם **"על שלא נודעו לך"**, און אויף נאך אסאך זאכן וואס אונז האבן דיר צו דאנקען.

אבער די ריכטיגע פשט איז וואס איך האב געזאגט, ווייל ס'שטייט אויך אין די גמרא אז ס'איז אן עקסטרע תפילה. ס'איז געווען א נוסח וואס גייט נאר **"מודים אנחנו לך על שלא נודעו לך"**. אונז לייגן צו די אלע זכותים, ווייל ס'איז געווען אנדערע זכותים, אן די אנדערע זכותים. ס'איז א שיינע נוסח, זאגט מען דאס אויך. אבער איך מיין אז די פשוט'ע פשט איז דאס.

**חידוש: מודים דרבנן איז מער ציבורי ווי דער ש"ץ'ס מודים**

אבער נאך אן אינטערעסאנטע זאך וואס איך האב דא באמערקט איז אז די מודים וואס דער בעל תפילה זאגט איז אסאך מער פרטי, ער זאגט "צור חיינו, מגן ישענו", ער רעדט פון מיך מענטש, און מיין ישועה. דא איז עס **"שהחייתנו"**, אזא קאלעקטיוו, ווייל דער ציבור זאגט עס.

איך מיין אז **"מודים אנחנו לך"** מיינט נישט... קען מיינען אויך "מאמינים אנחנו בך". איך האב געזען אז מודים איז א הכנעה. עס קען זיין אז די מודים דרבנן, די מודים וואס דער ציבור זאגט, מיינט נישט געדאנקט, ס'מיינט איך בין מודה. ער דאנקט, ער זאגט דאך "ברוך אתה ה' הטוב שמך ולך נאה להודות", להודות איז מיינט צו דאנקען. און ער דאנקט ווייל **"שהחייתנו"**.

אבער איך זאג אז ס'איז אינטערעסאנט אז דאס וואס דער ציבור איז מתפלל פאסט מער אז ס'זאל זיין אן ענין ציבורי, און דאס איז אסאך מער אן ענין ציבורי ווי די געהעריגע שמונה עשרה, ווייל אין שמונה עשרה "צור חיינו, מגן ישענו" איז געווענליך געמיינט דער מענטש, יא? דער אייבערשטער איז "צור חיינו", ער מיינט מיין לעבן. ער זאגט עס נאר בלשון רבים ווייל שמונה עשרה איז בלשון רבים. "העלינו מהרה לארצנו", "ושופטינו כבראשונה", דא רעדט מען פון מיר. דא רעדט מען פון די גאנצע חברה, דער עולם, **"שהחייתנו וקיימתנו"**, "והעליתנו לארץ ישראל". ס'איז אסאך מער ציבור.

דאס מאכט אויך סענס אז דאס איז דאך א דאבל תודה, ס'איז מודים על שאנחנו מודים. סאו אונז זענען מודה אז די שליח ציבור איז מודה, פארשטייסט? ס'איז איינס אויפ'ן צווייטן, ס'איז נעקסט לעוועל. זייער גוט.

**"כל האומר מודים מודים משתקין אותו"**

**"כל האומר מודים מודים, משתקין אותו"**, מען מאכט אים שטיל אויב איינער רופט זיך אן און זאגט צוויי מאל מודים. וואס מיינט ער זאגט צוויי מאל מודים? ער זאגט "מודים מודים"? ער זאגט "מודים מודים"? ער זאגט "מודים אנחנו לך" און נאכדעם זאגט ער אויך די מודים פון דער בעל תפילה? ער זאגט אויך די תפילה פון מודים? דער בעל תפילה זאגט דאך נישט מודים, ער זאגט "מודים מודים" ווייל ער זעט אז ער רעדט צוויי שורות. ער האט נישט געוואלט זאגן צוויי מאל.

דער רמב"ם ברענגט פשוט די שטיקל משנה, ס'איז נישט קיין נגיעה ווייל היינט קוקט מען אין סידור. די משנה לכאורה, די אלע משניות לערנט אונז אז ס'איז נישטא קיין נוסח, און מען קען איינער מאכן אן אייגענע נוסח. אויב דער מתפלל זאגט "מודים מודים", וואס טוט מען? מען זאגט "טשששששששששששששששש". קענסטו מיר געבן א משל. אבער מ'זעט דא אז די משנה וויל אז ווען איינער מאכט א טעות זאל מען אים פיקסן. ער וויל נישט אז די דיקטאטורשיפ, אז דער שליח ציבור קען גיין אויף רענדס און זאגן משוגעת'ן און יעדער איינער דארף זיצן שטיל. ס'איז נאך פארקערט.

**משתקין אותו — ווען מען קאָרעקטירט דעם שליח ציבור**

## Speaker 1:

מען טאר נישט זאגן צוויי מאל. עס זעט אז דער רמב"ם ברענגט פשוט א שטיקל משנה. עס איז נישט קיין נוגע, ווייל היינט קוקט מען אין סידור עניוועיס. די משנה לכאורה... די אלע משניות צו היינט איז נישטא קיין נוסחאות, און מען קען איינעם מאכן אן אייגענע נוסח. אויב דער מתפלל זאגט מודים מודים, וואס טוט מען? מען זאגט "ששש, נו". אבער מען זעט אז די משנה וויל, אז ווען איינער מאכט א טעות וואס מען דארף אים פיקסן, ער וויל נישט א דיקטאטורשיפ, נאר געוויסע פיקסן. יעצט אז ער זאגט בשבעה ציבור... נאר געוויסע פיקסן. יעצט מיט שבעה ציבור קען ער גיין אויף רענטס און זאגן משוגעת'ן און יעדער איינער דארף זיצן שטיל? נאר נאר נאר... פארקערט, זעסטו פון דא אז נאר אזעלכע זאכן וואס זעט אויס ווי שתי רשויות, דעמאלטס משתקין אותו. געווענליך זאגט ער וואס ער וויל. אויב ער זאגט ערגער ווי מודים מודים, ער זאגט מוחים מוחים, דעמאלטס אוודאי משתקין אותו. עס איז ווען ער זאגט עפעס ראנג, אבער נישט אז ער קען נישט זאגן וואס ער וויל. פארקערט, אויב ער קען נישט זאגן וואס ער וויל, הייבט זיך שוין אן די גאנצע שאלה.

וואס איך זאג איז, אז דער מנהג, אז אויב דער בעל תפילה זאגט עפעס א מיסטיק, מענטשן שרייען אריין, איז נישט ריכטיג. ווייל דא שטייט אז דווקא... ווייל דא זעט מען אז דווקא האט א זאך לויט א זאך וואס עס מאכט כאילו נראה כשתי רשויות, עס איז ממש א זאך וואס סאונדט יעצט ווי אפיקורסות איך ווייס וואס, דעמאלטס משתקין אותו. סתם אז ער זאגט זיין אייגענע נוסח, ער מעג זאגן וואס ער וויל. ניין, דאס איז א סיבה פארוואס מען זאל נישט זאגן מודים ווען זאגן זאגן. פארדעם משתקין אותו, אבער נישט א שליח ציבור אז ער זאל טון וואס ער פארשטייט נישט. עס פארשטייט זיך ער דארף טון דעם מנהג המקום, אבער דער משתקין אותו שטייט נישט אויף דעם.

**נפילת אפיים — "ויטה מעט"**

### Speaker 1:

אקעי, עס איז נאכדעם וואס מען ענדיגט, דער שליח ציבור האט געענדיגט... יא, עס איז יעצט געקומען תחנון, דער רמב"ם פריער ארויסגערעכנט סדר דעם נפילת אפים. עם ישב, עס איז זיך אראפזעצן, און נאכדעם זאל ער זיך **יפול על פניו**. עס זעצט דעם פראנט פון אים אראפלייגן דעם פנים, **ויפול על פניו ויטה מעט**. פארוואס ויטה מעט? ווייל ער איז אן אדם חשוב? וואס איז נאך א ויטה מעט? וואס איז דער ויטה מעט? ברי וחול הציבור, ווען אלע טוען אזוי. ס'האבן זיך פריער געלערנט אז... מיינע יעצט פריער געלערנט אז וויאזוי טוט מען עס? ס'איז נישט א השתחויה, זיי האבן עס געלערנט. ויטה מעט איז אפשר ווען די נושא פון אבן משכית. ווייל ס'איז נישט אין א בית המדרש, נאר אין א שטוב אליין. מ'איז נופל על פניו. דער "יטה מעט" איז לכאורה ווען די נושא פון אבן משכית, אזוי מיין איך, צו זיין אויף די זייט.

פריער האט דער רמב"ם געזאגט אזוי, וויאזוי מ'טוט נפילת אפיים, אז מ'פאלט איינגאנצן אראפ. דארט האט ער געזאגט "יטה מעט". נאר ער האט געזאגט, ווען מ'טוט נפילת אפיים אחר התפילה, דער פון וואס מ'רעדט דא, טאר מען נישט טון השתחויה על האבנים, נאר **"ואין אדם חשוב רשאי ליפול על פניו אלא אם כן יודע בעצמו שהוא צדיק, אבל מטה הוא פניו מעט"**. סאו דאס איז פאר אן אדם חשוב אויף ווי הלכה? דא שטייט אז יעדער איינער זאל עס טון. אפשר איז ער אן אדם חשוב? אפשר רעדט ער פאר אן אדם חשוב? איך ווייס נישט. אדער אפשר דער שליח ציבור טוט יעדער איינער ווי אן אדם חשוב? ס'שטייט שוין אין דער היים טוט יעדער איינער, אויב ס'איז דא אמאל נפילת אפיים טוט מען עס אליין. אבער דא, **"ישחה הוא ויושב בגבורת ראשו, והוא ושאר העם"**, אזוי טוט מען עס, מ'איז "יטה מעט". אבער ס'איז טאקע א גוטע שאלה, פארוואס... ס'איז נישט קלאר. די מפרשים ווייסן נישט.

אבער אזוי איז דער מנהג אין די שולן, איז אזוי. ווייל אפשר מ'האט חושש געווען אפשר איז דא אן אדם חשוב, האבן זיי שוין געמאכט די מנהג פאר יעדער. אדער איז ווען די אבן משכית. ס'קען זיין ביידע סיבות. דער כסף משנה זאגט ביידע זאכן.

אבער "יטה מעט" מיינט סך הכל מ'פאלט נישט פלאך אויף די פלאר, מ'פאלט אויף די פלאר אבער אביסל אויף די זייט.

קען זיין די ענטפער פאר די "יטה מעט" איז חזרת הש"ץ, נעם אין דעם אז דער בעל תפילה איז דער וואס... ס'זעט אויס אזוי פון די רמב"ם אז דער בעל תפילה איז דער וואס דעמאנסטרעיט אלעס. ער טוט, "תשובה לכל הציבור". סאו דער בעל תפילה דארף טון "יטה מעט", ווייל יעדער איז חשוב צו די ציבור, און מ'האט אים געלערנט אנפאנג. דער גאנצער עולם מאכט אים נאך. אזוי איז געווארן דער סדר. דאס איז דער רמז דא אין "והוא וכל הציבור". דער בעל תפילה טוט עס, און די אנדערע גייען נישט זיין פרומער פון די בעל ציבור, ווייל ער איז דער שליח, דער חשוב שבציבור. אבער ער איז נאר מחויב אין חשוב.

אקעי, בקיצור, **"ישחה הוא וייפול, וישב בגבורת ראשו"**, ער זאל זיך צוריק אויפזעצן בגבורת ראשו, **"והוא ושאר העם"**. דו קענסט דיר פארשטעלן אזוי ווי דו זאגסט "והוא ושאר העם", מ'מאכט אים נאך, ער איז דער פאפעט. **"והוא ושאר העם, ומתחנן מעט בקול רם"** דער עולם מאכט אים נאך, אזוי טוט ער. **ואחר כך יעמוד שליח ציבור לבדו**, ער שטעלט זיך אויף. דער בעל תפילה שטייט א גאנצע צייט, דאס איינציגסטע פלאץ וואו ער זיצט איז דא ביי דעם שטיקל. אזוי גוט. אבער דער עולם, אזוי ווי אונז טוען, אומיה יושבים, ווי אונז זאגן. דער עולם בלייבט זיצן, אבער ער שטעלט זיך אויף און ער זאגט, **אומר קדיש פעם שניה**, נאך א קדיש. האלטן אונז ביי דעם צווייטן קדיש. יא, דאס איז דאך קדיש תתקבל, יא קדיש מפין נישטא. יא, **ועונין אמן כדרך שאמרנו תחילה**. זעלבע זאך, יהא שמיה רבא אמן, וואטעווער.

**נאָך קדיש — ויהי רחם, תהילה לדוד**

### Speaker 1:

**ואחר כך אומר הסדר, ואומר**, נו זאגט ער ויהי רחם, די תפילה פון ויהי רחם וואס אונז קענען אלס אשרי ובא לציון. I don't know. אבער ער... יא. ויהי רחם. ובא לציון איז צאמגעשטעלט פון צוויי חלקים, ס'הייבט זיך אן ובא לציון אדער ויהי רחם. אנפאנג איז דאס סדר קדושה. נאכאמאל, נאכאמאל. איז אזוי, דער רמב"ם, דער רמב"ם זאגט נישט, I'm sorry, ויהי רחם מיינט תחנון, ויהי רחם, דער לאנגער תחנון. איך ווייס נישט וואס מיינט ויהי רחם. ויהי רחם איז דער לאנגער תחנון, ויהי רחם ורחום, וואס מען זאגט אום מאנטאג און דאנערשטאג, אבער דא איז דאס א לאנגער סדר תחנון. ער זאגט ס'איז א לאנגע, א פשוט'ע ויהי רחם, ער זאגט נישט מה שמו, ס'איז נישט קלאר. ער זאגט א פסוק ויהי רחם. ביי מעריב אויך זאגט מען ויהי רחם, ניין? ניין, ניין, נאך נישט, ניין. ויהי רחם איז א פסוק אינצווישן, אזוי שטייט דא, אינצווישן נאר ווי דו זאגסט, זאגט מען דעם לאנגן תחנון, אבער נאך קדיש, נישט נאך קדיש זאגט מען עס. ס'איז אן אנדערע זאך. איך ווייס, פאר תהילה לדוד זאגט מען ויהי רחם לויט דעם רמב"ם. ס'שטייט נישט אין אונזער סידור דאס, איך ווייס נישט. איינער רגילים לאומרו, אזוי זאגט ער, יא. וואס איז נאך דער פסוק ויהי רחם? אזוי ווי אונז טוען ביי נאכט? איך ווייס נישט, אפשר איז געווען א גאנצע נוסח, מען דארף קוקן באלד אין נוסח התפילה. אוקעי, ער זאגט **תפילה תהילה לדוד**, וואס דאס איז אשרי, וואס דער רמב"ם האט שוין דערמאנט איינמאל, און דאס אפילו ביחיד זאגט מען. אונז פירן זיך אן צו הייבן פאר תהילה לדוד יעדע מאל צוויי אשרי'ס, אבער דער פסוק הייבט זיך אן תהילה לדוד, יא. **הוא עומד והן יושבים**. ווייטער, יא. **ומקרא עמהם**. דאס הייסט, ער זאגט פאר און זיי לייענען, יעדער איינער לייענט מיט אים. ער זאגט מיט דעם פסוק.

**קדושה דסדרא — ובא לציון**

### Speaker 1:

נאכדעם זאגט ער **ובא לציון גואל, ואני זאת בריתי אותם, ואתה קדוש יושב תהילות ישראל**. דער רמב"ם רעכנט דא אויס א פאר פסוקים וואס אלעס פאר זיך רעדן וועגן דעם מקומו של הקדוש ברוך הוא, אדער קדוש ה' מלא כל הארץ כבודו, און קדוש דריי מאל קדוש. **וגומר הקדיש**, דער בעל תפילה זאגט דעם קדיש. ער זאגט דעם גאנצן פסוק, און ווען מ'קומט אן אין דעם פסוק צו די ווערטער "קדוש קדוש קדוש", **"והן עונים"** - ענטפערט דער גאנצער עולם "קדוש קדוש קדוש". **און אזוי טוט מען שלש פעמים**, ווייל אין יעדער איינער פון די דריי פסוקים וואס ער האט אויסגערעכנט שטייט דריי מאל "קדוש".

לכאורה זאגט דער עולם דריי מאל "קדוש", נישט ניין מאל "קדוש". זייער גוט. **"וחוזר וקורא הקדושה"**. ניין, לכאורה דריי מאל אין טאטאל דריי מאל "קדוש", נישט ניין מאל "קדוש". זייער גוט. לכאורה לייענט ער דעם פסוק, און ווען ער זאגט "קדוש", זאגט דער עולם "קדוש". זייער גוט.

"וחוזר וקורא" - אז די עונים זענען שלש פעמים, אז דער בעל תפילה זאגט עס איינמאל אויף אמאל. דער בעל תפילה זאגט נישט "קדוש קדוש קדוש", יעדער זאגט נאך אים "קדוש קדוש קדוש". ווען ער זאגט "קדוש", זאגט יעדער "קדוש".

נאכדעם זאגט ער די זעלבע פסוקי הקדושה אין תרגום. אנשטאט "קדוש" שטייט "קדיש". און נאכדעם זאגט מען דעם פסוק "ה' ימלוך", און מ'זאגט עס אויך מיט א תרגום.

מיטאמאל דארף דער עולם פארשטיין, איך האב ביז יעצט אלעס געזאגט אין לשון הקודש, האט מען זיך דערמאנט אז דער עולם זאל פארשטיין די קדושה, די דריטע קדושה. מ'זאגט דריי מאל קדושה: קודם איז דא קדושה ד'יוצר, נאכדעם קדושה ביי שמונה עשרה, און יעצט איז דא א דריטע קדושה ביי די סיום. דריי מאל זאגט מען עס. וואס איז די סיבה פאר די תפילות? מ'האט דאך שוין געענדיגט די תפילות פאר עמידה.

**"סדר היום" — דער נאָמען און דער טעם**

## Speaker 1:

ער גייט יעצט זאגן: **"מעלין הפסוקים שלפני הקדושה ושלאחריה עם תרגומן, וזו התפילה שקורין אותה סדר היום."** די תפילה וואס איך האב יעצט געזאגט פון "ובא לציון" מיט די קדושות און מיט די תרגום ווערט אנגערופן "סדר היום". וואס איז די טייטש "סדר היום"? דא שטייט "סדר קדושה". ניין, עס הייסט "סדר היום". קדושה דסדרא רופט מען עס אין די גמרא, רייט? סדר היום.

און ער גייט זאגן, מיין איך, די ריזאן, אויב איך געדענק, נישט דא? "והיינו דנקרא סדר היום". איך מיין אז די ריזאן דערפון איז ווייל... נישט דא? ס'שטייט שפעטער. וואס זאגט רבינו מנוח? ניין, ס'שטייט שפעטער אז מ'זאגט אז ס'האט צו טון מיט לימוד התורה. ס'שטייט נישט דא. ניין, ער ברענגט... ס'איז נישט גענוג וואס ער זאגט. אבער ער ברענגט עס אים אזוי. דער רבנו מנוח זאגט אז די סיבה פארוואס מען זאגט פונקט די תפילה, ער זאגט אזוי, ווייל דאס רעדט על ביאת הגואל. ליין דאס שטיקל על ביאת הגואל. יא, אבער פארוואס בכלל דארף מען זאגן נאך תפילות? מען האט נישט געזאגט גענוג תפילות? איך מיין אז... וואס טייטש סדר היום? איך געדענק אזוי עס שטייט. נא, נישטא? אפשר שפעטער שטייט עס? יא, קוק די יד פשוטה. איך לערן די גמרא. איך געדענק אז די ווארט פון די סדר היום איז... א נקראם, סדר היום. א סדר היום. אה, רש"י זאגט אזוי... די וועלט געוועגליך שטייט אויף לערנען. און לכל הפחות, אז די וועלט שטייט אויף קדושה דסידרא. איז רש"י מסביר אז די סדר, וואס דער היום רופט סדר קדושה, אז סדר היום איז פשט, אז יעדער איד דארף קענען לערנען יעדן טאג.

אה, אבער פארוואס? זיי גוט! איבער... זאגט ער אזוי. פארוואס פונקט די ערטש פסוקי תורה? זיי זאגט ער אזוי. ס'איז פונקט די ערש פסוקי תורה. אדער דער וואס? מען רעדט וועגן די גאולה. אונז רעדט זיך וועגן... וואס רעדט זיך וועגן... די באלי ציון גאאי... ובא לציון גואל. אונז רעדט זיך וועגן תחיות המתים, רוח הקודש, גיט עס שיינע פסוקים, וויכטיגע זאכן. ניין, אזוי, רעכן אויס. ביאת הגואל, תחיות המתים. נאר וואס נאך? זאגן דער רויע. יא נאר, יענע, יענע, יענע, יענע, זאג וואס. איך ווייס נישט. זאגן דיך יענע טאקע ובא לציון. ביאת הגואל, תחיות המתים, רוח הקודש, על התורה שלא תפסוק און מען. יא, מ'זאגט דיך ובא לציון, לו משם פחם פזרחם פזרעד דרחם, און מ'זאגט ובא לציון גואל. איינע, מ'זאגט... איז שוין? אלע וויכטיגע זאכן. בעקר ותחנא מ'דיבער תחנונה, תסוקה רחמן. יא, אבער איך ווייסט שוין וועלכע פסוקה רחמן. אקעי. דאס איז א תחנונים וואס קומט נאך די לימוד התורה. מ'האט געלערנט דער קדוש, עס קומט אביסל תחנונים. פסוקה רחמן. אמר קדוש. און ער זאגט נאך א קדוש, און דער עולם זאגט קדרכים. דאס הייסט עולם, זיי ענטפערן. אמר ענטפערן קדוש. אמר ישמיר רבי על בן נפטרון, און מ'גייט אהיים. איך מיין אז דער קדוש קומט נאך די וועל תחנונים? ניין, קדיש האבן מיר נישט געזען דא פארוואס איז א קדיש. לויט דער פריערדיגער זאגט אויס, דער רבי האט געזאגט דריי קדישים אין זיין סדר התפילה דא. און בעיסיקלי, יעדע שטיקל דאווענען קומט א קדיש. דאס הייסט, פארן מ'הייבט אן, נאך שמונה עשרה, און נאך די גאנצע דאווענען. איך מיין אז די זאכן זענען חסר.

**קדיש אין סדר התפילה**

**Speaker 1:** איך מיין אז די קדיש קומט נאך דברי תחנונים?

**Speaker 2:** יא. ניין, קדיש, אונז האבן מיר זיך געזען דא פארוואס מיט די קדיש. לויט די פריערדיגע שיטות, דער רמב"ם האט געזאגט דריי קדישים אין זיין סדר התפילה דא, און בעיסיקלי יעדע שטיקל דאווענען קומט א קדיש. דאס הייסט, פארן מען הייבט אן, נאך שמונה עשרה, און נאך די גאנצע דאווענען.

**Speaker 1:** איך מיין אז די נאכן מתחננים איז א סדר. מען האט מתחנן געווען, און נאכדעם קומט די שטיקל תחנונים.

**Speaker 2:** יא, אבער אויך מען הייבט אן מיט א קדיש. ס'איז נישט נאך גארנישט. איך געדענק ער זאגט, ניין, ער זאגט נישט עפעס, דער מתחיל זאגט א קדיש. **"תקנו קדיש למנין התפילה, אף היא תהיה עזר לגאולה, כי הקדיש מדבר בגאולה, כדי לזכור אותה תמיד, וגם היא כסימן לאתחלתא דתפילה, שאי אפשר להתחיל להתפלל בציבור"**. דאס איז די אתחלתא פון קדיש. קדיש איז א שיינע תפילה, מען זאגט עס יעדע מאל ווען מען הייבט אן די תפילת הציבור, ווען מען ענדיגט תפילת הציבור. אזוי איז די ריאליטי פון קדיש.

אונז האבן מיר א מנהג אדער א הלכה אז מען זאגט נאר קדיש נאך עפעס, פארדעם מאכט ער קדיש נאך ישתבח. דער רמב"ם האט נישט די פראבלעם. דער רמב"ם זאגט מען הייבט אן מיט קדיש, ער זאגט נישט אז מען דארף זאגן א פסוק פאר א קדיש, ווייל די ערשטע קדיש, רייט? און אויך מיר גייען אהיים מיט קדיש. קדיש איז א שיינע תפילה, ס'הייבט זיך אן און ס'ענדיגט זיך מיט דעם.

**הלכה ז: "כל האומר על קן צפור יגיעו רחמיך — משתקין אותו"**

אקעי, יעצט גייט דער רמב"ם אריינלייגן נאך צוויי הלכות פון וואס מען דאווענט נישט. אינטערעסאנט, ווייל ביז יעצט האבן מיר יא געדאווענט, יעצט גייט מען זאגן א לא תעשה וואס מען טאר נישט דאווענען. אקעי. זאגט דער רמב"ם, **"כל האומר באופן תחנונים"**. יא, ס'איז אן אנדערע ווערטער. אין די משנה שטייט פארשידענע זאכן וואס מען טאר נישט זאגן, "המרחם על קן צפור" און אנדערע זאכן שטייט אין די משנה אז מען זאל נישט זאגן. דער רמב"ם זאגט יעצט, **"כל האומר על קן צפור יגיעו רחמיך, משתקין אותו"**. זאגט דאך דער רמב"ם אזוי.

**פארוואס זאגט דער רמב"ם "באופן תחנונים"?**

איך וויל דיר זאגן פארוואס ער זאגט "באופן תחנונים", ווייל דער רמב"ם, מיר לערנען, זאגט ער דאך, אונז האבן מיר דאך געזאגט אז ס'איז דא א מחלוקת הראשונים. תפילה וואס מ'דארף זאגן פון אנפאנג כוונות האר"י, וואס מאכט נישט קיין סענס צו זאגן אז איינער זאגט נישט "מנשר" און בעל קן ציפור, וועלכע ברכה שטייט? עס שטייט נישט קיין איין ברכה. אלא מאי, זאגט דער רמב"ם, דאס רעדט זיך פון תחנונים. וועלכע תחנונים? אדער די תחנונים וואס מ'זאגט "קוה ה' חזק", וואס איז דא נאך קדושה דסדרא, וואטעוועער איט איז, א לייט די דעיס, אויף דעם רעדט זיך. אנדערע ראשונים פארשטייען אז ניין, דאס איז נישט געווען קיין נוסח קבוע, דאס רעדט זיך אז איינער זאגט דאס בתוך התפילה ערגעץ, אין מודים, איך ווייס נישט וואו אין רצה, זאגט ער דאס.

**דער רמב"ם'ס טעם: גזירת הכתוב ואינן רחמים**

אבער די שאלה איז, פארוואס זאל מען נישט זאגן "קן ציפור יגיעו רחמיך"? איז דא די טייטש פון רש"י, איז דא די טייטש פון די רמב"ם. אבער ניין, דער רש"י זאגט, רש"י זאגט אזוי... לאמיר זען וואס דער רמב"ם זאגט. אקעי, זאגט דער רמב"ם, **"כל אלו הם בתחנונים"**. ניין, איך האב געוואלט זאגן וועגן דעם שטימט שוין די ווארט "בתחנונים". וואס איז דא א חילוק צו מ'זאגט דאס אלס "קן ציפור יגיעו רחמיך" ווען מ'זאגט א דרשה וועגן מידות הרחמים, און צו ווען מ'זאגט דאס בתחנונים? אבער זע, אבער קוק, אבער קוק וואס דער רמב"ם זאגט. **"כל אלו הם בתחנונים"**, ער בעט ביים אייבערשטן, און ער זאגט אזוי: **"מי שרחמיו מגיעין על קן צפור, והוא**

**עשה מצות שלא לקח האם על הבנים"**, אוי, דער באשעפער וואס האט געמאכט די מצוה שלא לשחוט אותו ואת בנו ביום אחד, **"ירחם עלינו"**, דער אייבערשטער האט דאך א באשעפער פון רחמים, און ער האט געמאכט די מצוות פון רחמים, והוא רחמנותו באפן, כאילו בענין זה **"משתקין אותו"**, מאכט מען אים שטיל.

פארוואס? זאגט דער רמב"ם, דער רמב"ם זאגט אזוי, **"לפי שמצות אלו גזירת הכתוב הן, ואינן רחמים"**. דאס וואס מ'דארף נישט נעמען אם על הבנים אדער נישט טון אותו ואת בנו ביום אחד, איז גזירת הכתוב, עס איז נישט רחמים. **"שאילו היו מפני רחמים"**, ווען זאגן אז ס'איז יא רחמים, מ'זאל נישט הרג'ענען עט ליעסט א מאמע מיט א קינד, אויב אזוי וואלט מען עס געדארפט עקספעקטן פון אייבערשטן, **"אילו היו מפני רחמים, לא התיר לנו שחיטה כל עיקר"**, וואלט מען בכלל נישט געדארפט שעכטן. **"אלא מעשה גזירת הכתוב הן"**. אזוי זאגט דער רמב"ם.

### סתירה צווישן הלכות תפילה און מורה נבוכים

די גרויסע פלא איז, אז דער רמב"ם אין אנדערע ספרים זאגט טאקע אז די מצוה פון קן ציפור און נישט שוחט זיין אותו ואת בנו ביום אחד, איז כדי אויסצולערנען מענטשן רחמנות. און די ענטפער איז, די פשוט'ע אמת'דיגע ענטפער איז, אז דער אייבערשטער וויל אז אונז זאלן ווערן בעלי רחמנות, נישט ווייל דער אייבערשטער האט מיט דעם געשווינט, אה, פאר אפאר הונדערט טויזנט בהמות גייט מען טון מער צער בעלי חיים, ווייל די פאר הונדערט טויזנט אידן גייען זיין וואויל. דער אייבערשטער וויל אונז מאכן פאר וואוילע מענטשן. ער האט נישט דא דירעקט רחמנות אויף די בעלי חיים, ער וויל אז אונז זאלן מיר האבן רחמנות אויף די בעלי חיים.

זאגט ער, דאס איז א גוטע תירוץ. אנפארטשענעטלי, דער הייליגער רמב"ם האט נישט געזאגט די תירוץ. ער האט געפרעגט אויף זיך אליין די קשיא, און ער האט געזאגט אז ס'איז א מחלוקת. דער רמב"ם זאגט אז ס'איז א מחלוקת. דא האסטו א שיטה וואס האלט אז מצוות האבן נישט קיין טעם, און דאס איז א שיטה אין תנאים, און דא פסק'ענען די הלכה פוסקים ווי די משנה. אבער דער רמב"ם אליין האלט נישט אזוי ווי יענע שיטה, ער האלט אז מצוות האבן יא א טעם. אזוי לערנט דער רמב"ם.

**Speaker 1:** יא, אבער דער רמב"ם זאגט, אזוי לויט דעם מוז מען לערנען אנדערש די...

**Speaker 2:** ניין, ס'הייסט, דער רמב"ם האלט אז דא איז א מחלוקת תנאים, א מחלוקת אין די מפרשים צו מצוות האבן א טעם בכלל. סאו ער פסק'נט להלכה דא אז נישט, און אין מורה פסק'נט ער אז יא. די הלכה דארף נישט שטימען מיט די השקפה. דער רמב"ם האט זיין אפיניען, אבער הלכה מוז ער גיין מיט די כללי ההלכה. ער קען נישט זאגן, "ווייל איך האלט אנדערש פון די פשטות פון די משנה, גיי איך עפעס טון."

### נפקא מינה פאר פיוטים און תפילות

אקעי, סאו בסך הכל קען מען זאגן אז דאס איז נישט א גוטע פיוט. ווייל אויב וואלסטו געזאגט... בסך הכל, א מענטש איז אויפגעקומען מיט א פיוט, יא? ס'איז דא "מי שרחם על אברהם אבינו". לאמיר זאגן, איינער זאגט, "מי שרחם על קן ציפור". וואלטן מיר געוואוסט מורה אז דאס איז נישט קיין גוטע פיוט, ווייל ס'שטימט נישט אזוי גוט. צו מורה שטימט עס? קען זיין ס'שטימט. אבער ס'איז אנדערש ווי "מודה מודה" משתקין אותו, וואס דאס איז ממש אן עבירה. קען זיין אז דאס איז נישט אזא גרויסע עבירה, נאר דער מענטש זאל וויסן אז דאס איז נישט קיין גוטע פיוט. ס'קען זיין אזא פיוט, איינער האט געמאכט אזא פיוט.

אבער פון דעם שטיל זעט מען, דא זעט מען אז... דא זעט מען יא נישט כשיטתך. דא זעט מען מער כשיטתך. ניין, אז די חכמים, ווען זיי מאכן די נוסח התפילה, די הלכות נוסח התפילה, זענען זיי מקפיד אז ס'זאל זיין לויט די ריכטיגע השקפה. און וויבאלד זיי זאגן די הלכה אז מ'פסק'נט אזוי, ווייל זיי האבן פארשטאנען אז ס'איז נישט די ריכטיגע השקפה, ס'איז נישט די ריכטיגע פשט. "אה, ס'איז א שיינע תפילה, ס'איז א שיינע פיוט." אויב איינער קען פרעגן, "אה, ס'איז א פיוט, נישט קיין תפילה." ניין, תפילה דארף זיין ריכטיג. אויב איינער זאגט נישט לויט די ריכטיגע השקפה וואס די חכמים האבן געהאלטן, איז מען אים משתיק. און דאס זעט מען יא פון די הלכה אטליסט. אקעי.

### דער רמב"ן'ס טייטש און אנדערע שיטות

און דער רמב"ם זאגט דארט אן אנדערע טייטש. דער רמב"ם זאגט נישט ווי אלע מפרשים. דא זאגט ער יא אן אנדערע חילוק, אז די ראיה אז ס'איז נישט מפני רחמיו איז ווייל שחיטה איז מותר לכתחילה. ממילא מוז זיין אז דער אייבערשטער האט נישט עכט קיין רחמנות אויף די קן ציפור. אויף אידיש זאגט מען דעם רמב"ן זאגט דעם טייטש אז דער אייבערשטער האט נישט קיין השגחה אויף קיין ציפור. ס'איז נישט קיין השגחה פרטית. ס'איז נישט פשט אז יעדע קן ציפור וואס שטארבט, און יעדע פייגל וואס שטארבט, האט עפעס געזינדיגט און דער אייבערשטער האט אים גע'הרג'עט.

דער מאור עינים טייטשט אזוי, דער מאור עינים לערנט אז "לא ישלחו על הגוזלים" האלט אז דער אייבערשטער האט השגחה פרטית אויף בעלי חיים, און "בשעת קנוסם" ווייל ער פארשעמט מענטשן. ער מאכט מענטשן זאלן נישט זיין קיין העכערע מדריגה ווי די קן ציפור. דער רמב"ן זאגט אז ס'איז נישט ריכטיג, אז דער אייבערשטער האלט נאר ווייל דעמאלטס האט מען טאקע נישט צוטראגן ביי די חיה.

"שמטול קנאה" איז דער טייטש, "שמטול קנאה" ביי מעשה בראשית, אז מענטשן גייען יעצט אנהייבן זיין דזשעלעס אויף די קן ציפור. טראכט נעבעך, טראכט אזוי, ביי מענטשן, רוב גוים, האבן די יאר געגומען איין מאל בנים. אזוי גייט ער טראכטן, דער רבונו של עולם, ביי די קן ציפור האט ער געמאכט השגחה פרטית, און ביי אונז נישט, און ביי אונז מענטשן נעמט מען איין מאל בנים.

### מסקנא: אכטונג ביי מאכן תפילות

אל על כל פנים, נאכדעם וואס מיר לערנען דא, מיר האבן מסביר געווען די סוגיא, לאמיר איינזעצן וואס מ'האט געלערנט אין הלכות תפילה. קודם כל איז זיכער אז אין תפילה זאגט מען נישט דעם טייטש. און נאך א איסור וואס מ'זאל נישט טון, אויך צו זאגן אפשר אז דער רמב"ם מיינט בתחנונים. אבער מ'דארף וויסן, ווייל די קן ציפור איז קיין גרויסע חשש אויף מענטשן וואס מאכן תפילות. ס'זענען געווען צדיקים וואס האבן געמאכט תפילות. סאו לאמיר זאגן ס'וועט איינפאלן פאר איינעם אז ער גייט לערנען די ליקוטי מוהר"ן און גייט מאכן תפילות. "דו גרויסער באשעפער האסט געזאגט אזוי און אזוי אין די און די מצוה, און לפי זה, לויט די תורה פון רבי נחמן, ווייל איך יעצט מתפלל זיין." דארף מען זייער אכטונג געבן, ווייל דער רמב"ם האט דא א פראבלעם אז ווען דו דאוונסט מוז עס זיין א שטימע לויט אלע פשטים. ער האט שוין געזאגט טאקע די פשט אין מורה, אבער ביים דאווענען דארף עס זיין עפעס א מורא'דיג גוטע פשט.

### דיסקוסיע: תפילת ציבור vs. תפילת יחיד

**Speaker 1:** איינער, איך מיין שוין, ער זאגט תפילת ציבור.

**Speaker 2:** אה, "כל היום תחנונים" מיינט תפילה ביחיד, "בשעת קנוסם" איז פשט א תפילת ציבור. איינער זאגט פאר זיך, איך ווייס נישט צו ס'איז ממש די זעלבע חומרא. ס'איז מער אפשר אן ענין, ס'זעט מיר אויס, אזוי ווי איך האב געטראכט פריער, אז די חומרא פון תפילת ציבור דאן האט מען מודיע געווען דעם עולם די עיקרי אמונה אדער געוויסע זאכן, און זיי האבן נישט געוואלט נאר זאגן. אבער איינער זאגט פאר זיך... אבער איך וויל דיר צושטעלן, ס'איז באקאנט אז דער הייליגער ישמח משה, דער זיידע זכותו יגן עלינו, האט געזאגט אז אלע בעלי פיוטים וואס אידן זאגן איז ברוח הקודש. אלע פיוטים וואס אידן זאגן איז ברוח הקודש. וואס קען זיין אז פון דארט איז געווען א ראיה פאר דעם, ווייל אויב אונז זאגן אזוי אז א נישט גוטע פשט אין כל התורה כולה איז עפעס וואס מען זאל נישט זאגן ביים דאווענען, מוז זיין אז די בעלי הפייטנים זענען געווען ריזיגע גאונים, און געוואוסט אלע סודות פון די זאכן, טעמי המצוות, צו קענען זאגן.

**Speaker 1:** כ'ווייס וואס ער האט געזאגט, אז זיי האבן געהאט רוח הקודש.

**Speaker 2:** ניין, איך מיין אז ס'איז אנדערש, איך מיין אז רוח הקודש איז עפעס וואס די גאונים זאגן.

**Speaker 1:** אקעי, ניין, רוח הקודש מיינט אז דער ציבור זאגט עס.

**Speaker 2:** אקעי, נישט קיין חילוק.

**הלכה ז (המשך): נישט מרבה זיין בשבחים**

וכן, נאך א זאך וואס מען טאר נישט טון, יא, זייער גוט. ביים דאווענען טאר מען נישט מאריך זיין אין שבחים פאר'ן אייבערשטן. מען מעג יא מאריך זיין אויף הודאה, אבער נישט אויף שבחים.

**Speaker 1:** דאס האט נישט דער רמב"ם געזאגט, דאס זאגסטו.

**Speaker 2:** אונז האבן עס אבער יא. ער זאגט אז מען קען מאריך זיין, דער רמב"ם זאגט אז מען קען צולייגן בקשות. דער רמב"ם זאגט אז מען קען צולייגן הודאות. אקעי, כנועם של שם איז דא אן ענין פון נישט מרבה זיין. ויאמר, ער זאגט אזוי, **"האל הגדול הגבור והנורא"**, דאס שטייט, אבער ער לייגט צו נאך אפאר.

**Speaker 1:** אה, מ'זאל נישט זאגן אויסער "האל הגדול הגבור והנורא", אויף זאל מען זאגן "חזק ואמיץ ועזוז", פארוואס?

**Speaker 2:** **"שאין כח באדם להגיע לסוף שבחיו"**. א מענטש קען עניוועי נישט זאגן די שבחים פון דעם אייבערשטן. אומר משה, **"אומר משה רבינו"**, און זאגט דאס וואס משה רבינו האט געזאגט, זאל ער יא זאגן.

**פארוואס נאר משה רבינו'ס ווערטער?**

איך מיין פשט איז אזוי, איך האב געהערט דער רמב"ם זאגט אז א מענטש זאגט עס א גנאי, ווייל אונז קענען נישט דעם אייבערשטן. און דאס האט אויך צוטון מיט דעם שלוש השגות, אלעס וואס אונז רעדן רעדן אונז נאר וועגן זיינע מעשים, וועגן א געוויסע גילוי פון דעם אייבערשטן, מ'רעדט נישט וועגן דעם אייבערשטן אליין. אזוי ווי ער זאגט דא "אין כח להגיע לסוף שבחיו", אזוי ווי ער זאגט נאך א פלאץ, "אין אדם יודע צור עולמים אליין", יא, עפעס אזוי.

